בא תשפ"ה
גליון 224

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

### אֱמוּנָה, אַ שְׁטאַרְקֶע פֶעסְטֶע לֶעבְּן

די וואָך לערנען מיר ווי אַזוי די אידישע קינדער גרייטן זיך צו אַרויסגיין פון מִצְרַיִם, זיי האָבן אַ פעסטע אֱמוּנָה אין בּאַשעפער און פאַרלאָזן זיך אויף אים. אַזוי ווי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זאָגט אויפן פָּסוּק וְגַם צֵדָה לֹא עָשׂוּ לָהֶם, אַז דער פָּסוּק לאָזט אונז וויסן די לויב פון די אידן, אַז זיי האָבן זיך נישט אָפּגעפרעגט ווי אַזוי קען מען אַרויסגיין אין אַ מִדְבָּר אָן שְׁפֵּייז, נאָר זיי האָבן געגלייבט אין בּאַשעפער און געגאַנגען אָן פרעגן קַשְׁיוֹת.

דער אויבערשטער האָט טאַקע געדענקט די חֶסֶד נְעוּרַיִךְ, די ליבשאַפט, ווי אַזוי זיינע ליבע קינדער זענען אַרויס נאָך אים אין מִדְבָּר אין אַ וויסטעניש וואו עס וואַקסט גאָרנישט, עס איז דאָרט נישט פאַראַן קיין עסן געשעפט, נישט קיין פלייש אָדער פיש געשעפטן און אַוודאי נישט קיין רעסטאָראַנטן אָדער שִׂמְחָה זאַלן, נאָר מיליאָנען פּיצקעלעך זאַמד וועלכע ווערן פאַרמירט אין בערג אין טאָלן, נישטאָ קיין פלעשער קוואַל-וואַסער אָדער קראַנען, איין זאַך וואָס די אידן האָבן געהאַט די מַצָּה די הייליגע אֱמוּנָה דאָס האָט זיי זאַט געמאַכט.

דער הייליגער רֶבִּי, דער זיסער רֶבִּי רעדט צו אונז, קינדער! דער רֶבִּי שרייט נאָכאַלץ! ער שרייט, שטאַרקט אייך מיט אֱמוּנָה, האָטס אֱמוּנָה אין בּאַשעפער און אין צַדִּיקִים און אֱמוּנָה אין ענק קינדערלעך! יאָ גלייבטס אין ענק. יעדער אינגל דאַרף גלייבן אין 'זיך' אַז ער קען מיט זיין מויל בעטן דעם אויבערשטן און דער בּאַשעפער הערט אים אויס און דאָס איז דעם אויבערשטנס כָּבוֹד אַז אַ אינגל פון ניין יאָר אָדער אַ אינגל פון פיר יאָר, און אֲפִילוּ אַ זיידע ווען ער טַעֲנָה'ט זיך מיטן אויבערשטן אַז דער בּאַשעפער זאָל אים מאַכן אַ גוט לעבן, אַ הייליג לעבן, אַ פרייליך לעבן, אַ לעבן פון תּוֹרָה און מִצְוֹת און אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זאָל מְבַטֵּל זיין גְּזֵירוֹת און זאָל זיס מאַכן פאַר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דאָס איז די גרעסטע כָּבוֹד פאַרן אויבערשטן.



צו דעם פעלט זיך אויס אֱמוּנָה, גלייבן אַז דער אויבערשטער וואַרט אויף אונזער געבעט!

דער רֶבִּי זאָגט: "ווער עס האָט אֱמוּנָה האָט אַ שטאַרקע און פעסטע לעבן, אַ איד וואָס אָטעמט אֱמוּנָה קען זיך באַרואיגן און אויפלעבן, ווען עס גייט אויף אים אַריבער סיי וועלכע שוועריקייט וועט ער גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט צום סוף רַחֲמָנוּת האָבן און וועט אים גוטס טון, אֲפִילוּ אויב מען האָט יִסוּרִים, גלייבן מיר אַז עס איז פאַראַן אַ

המשך אויף זייט 3

# פרעג מיין קינד

קינדער פרעגן, מלמדים ענטפערן



**שְׁאֵלָה:** צוּם חָשׁוּבְ'ן אִינְגְל וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן גֵיין צוּם דָאקְטָאר.

**תְּשׁוּבָה:**

אִין קוּרְצְן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה ג' אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט צוּ אַ דָאקְטֶער וָואס גִיבְּט רְפוּאוֹת זָאל מֶען פְּרִיעֶר מַאכְן אַ פִּדְיוֹן. קֶענְסְט בֶּעטְן דַיין טַאטֶע אָדֶער סַיי וֶועלְכֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד זָאל דִיר מַאכְן אַ פִּדְיוֹן פַארְן גֵיין צוּם דָאקְטֶער, וַוייל דֶער עִיקָר רְפוּאָה קוּמְט דוּרְכְן פִּדְיוֹן.

צְווִישְׁן דִיר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן קֶענְסְטוּ רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס בַּאדֶערְט דִיר, אַזוֹי וֵוייסְטוּ אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט אוּן מֶעגְסְט טוּן.

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי דָאקְטוֹירִים וֶועלְכֶע קֶענֶען מְקַלְקֵל זַיין אוּן נִישְׁט רִיכְטִיג אוֹיסְהֵיילְן חַס וְשָׁלוֹם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "גָאט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז אֲפִילּוּ מִיט אַ דָאקְטֶער קֶען עֶר אוֹיךְ הֶעלְפְן..." (שִׂישַׂ"ק).

קֶענְסְטוּ זִיךְ רוּאִיג פַארְלָאזְן אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס גְרוֹיסְקֵייט.

• • •

**שְׁאֵלָה:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף אַלֶעס. וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אִיךְ זָאל זַיין אַ אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִינְגְל, לֶערְנֶען פְּלֵייסִיג, אָדֶער דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק, יִרְאַת שָׁמַיִם לִיגְט דָאךְ אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הֶענְט, עֶס אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיבְן וֶועלְכֶע סָארְט אִינְגְל אִיךְ וֶועל זַיין?

**תְּשׁוּבָה:**

זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁאֵלָה. לָאמִיר עֶפֶענֶען אַ סִדּוּר וואוּ מִיר טְרֶעפְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים אַז אַלֶעס וֶוענְד זִיךְ אִין דַיין בְּחִירָה אוּן דוּ קֶענְסְט מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם אוּן דוּ בִּיסְט מְחֻיָּב צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן יִרְאַת שָׁמַיִם.

מִיר טְרֶעפְן אִין תְּהִלִּים וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רוּחָנִיּוּת: "יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ", "הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ, אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ"; "לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים" אוּן נָאךְ הוּנְדֶערְטֶער אַזֶעלְכֶע גֶעבֶּעטְן. אוּן אִידִישׁ גֶערֶעדְט בֶּעט זִיךְ דָּוִד הַמֶּלֶךְ אַז זַיין הַארְץ אוּן זַיין גַאנְצֶע וֶועזְן זָאל זַיין נָאר וִוי אַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

יְעדן אִינְדֶערפְרִי, פוּן אָנְהֵייבּ בְּרָכוֹת בִּיז וָוען מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן אוּן מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע עַל הַמִּטָּה בֶּעט מֶען אוֹיף רוּחָנִיּוּת "שֶׁתַּרְגִּילֵנוּ בְּתוֹרָתְךָ, וְדַבְּקֵנוּ בְּמִצְווֹתֶיךָ, וְאַל תְּבִיאֵנוּ לֹא לִידֵי חֵטְא וְלֹא לִידֵי עֲבֵרָה וְעָוֹן", אוּן מֶען לֵייגְט צוּ: "וְאַל תַּשְׁלֶט בָּנוּ יֵצֶר הָרָע... וְכוֹף אֶת יִצְרֵנוּ לְהִשְׁתַּעְבֵּד לָךְ".

אוֹיךְ אוֹיפְן עִנְיָן פוּן תְּשׁוּבָה טוּן זָאגְן מִיר דְרַיי מָאל אַ טָאג: "הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ וְקָרְבֵנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ וְהַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ".

דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב דְרִינְגְט אַרוֹיס פוּן דִי גְמָרָא אַז דֶער עִיקָר וָואס מֶען וֶוערט פַארְלַאנְגֶען פוּן אַ אִיד, אַז מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס רָצוֹן," אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט לְמַעֲשֶׂה עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן. (ירח האיתנים תורה ט').

דִי אַלֶע זַאכְן בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ דִי גְרוֹיסֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז מְקָרֵב זַיין צוּ אִים מִיט אַ גַאנְצֶע רֵיינֶע הַארְץ.

צו אריינשיקן א שאלה פאר ווינקל 'פרעג מיין קינד',
רוף אין טעלעפאן ליין 02-5-3333-72 ~ 646-585-3040 און פרעג דיין שאלה אויף קנעפל 5

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

פַארְצֵייאוּנְג אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גוּטְס טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן בָּעוֹלָם הַבָּא.

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז אַ חוֹקֵר – וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה, הָאט עֶר נִישְׁט וְואוּ צוּ לוֹיפְן, עֶר הָאט נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, אוּן מִיט וָואס זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְן אוּן זִיךְ בַּארוּאִיגְן."

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל טַאקֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַזוֹי וִוי בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע, בְּחִפָּזוֹן אִין אֵיילֶענִישׁ, לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן - הֶעכֶער דִי צַייט. אַז אַ פָאלְק פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן זֶענֶען אִין גָאר אַ שְׁנֶעלֶע צַייט גֶעקוּמֶען פוּן גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם קֵיין סֻכּוֹת, וָואס דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָט זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְן הֶעכֶער דֶעם זְמַן הָאט דָאס גֶעקֶענְט פַּאסִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה אַז הַשי"ת זָאל אוּנְז אוֹיפְהֵייבְן הֶעכֶער דֶעם מָקוֹם דִי פְּלֶעצֶער וְואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אוּן הֶעכֶער דִי צַייט, מִיט הַשְׁגָּחַת הַשי"ת זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה אָמֵן.

# געווארן דער מנהיג

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּאווּאוּסְטֶער צַדִּיק וָואס אִיז גֶעוָוארְן בַּאדִינְט דוּרְךְ זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶ'ער אוּן פְּרָאסְטֶער אִידֶעלֶע וָועלְכֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק. דֶערְוַויל וֶוען דֶער מְשַׁמֵּשׁ הָאט בַּאדִינְט דֶעם צַדִּיק הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן אִים אַסַאךְ דִיבּוּרִים, אָבֶּער וַויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִּיק הָאט גֶערֶעדְט אוּן הָאט נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין שׁוּם הִילְךְ אוּן פַארְדִינְסְט פוּן וָואס דֶער צַדִּיק הָאט גֶערֶעדְט. אָבֶּער דֶער פְּרָאסְטֶער אִידֶעלֶע הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִּיק אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אִין יֶעדְן דִּבּוּר פוּן זַיין רֶבִּי'ן, כָאטְשׁ עֶר הָאט בֶּאֱמֶת נֶעבֶּעךְ גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען. אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער שְׁטֵיין אוּן בַּאדִינֶען דֶעם צַדִּיק בִּתְמִימוּת מִיט וָואס נָאר מֶעגְלִיךְ.

סְ'אִיז אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן דֶער צַדִּיק אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבִּיגְן רוּ. וֶוען דֶער פָּשׁוּטֶער אִיד אִיז אַזוֹי גֶעבְּלִיבְּן אָן זַיין רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען דִיבּוּרִים פוּן זַיין רֶבִּי'ן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען טוּן אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג דֶערְמַאנְט וָואס דֶער צַדִּיק, זַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶער זַאךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעפִיל בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן אַז דָאס הָאט אִים זַיין רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע דִיבּוּרִים וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט עֶר זָאל יֶעצְט



וְויסְן וָואס צוּ טוּן!

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אֵיינְמָאל אוּן נָאךְ אַ מָאל זִיךְ דֶערְמַאנְט זַאכְן וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט וֶוען דַאן הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אָבֶּער יֶעצְט אִיז יֶעדֶער דִּבּוּר פַאר אִים גֶעוָוארְן אַ לִיכְטִיגֶע עֵצָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אַזוֹי הָאט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶע רְמָזִים וָואס דֶער צַדִּיק הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען פַאר יָארְן צוּרִיק אוּן בַּאקוּמֶען אַ הֲבָנָה אוּן אַ קְלָארְקַייט בִּיז דֶער פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶ'ער אִידֶעלֶע הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַ אִישׁ כָּשֵׁר אוּן אַ אֱמֶתְ'ער עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּן דֶער שְׁטָאט וואוּ דֶער צַדִּיק הָאט גֶעוואוֹינְט הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן אִישׁ כָּשֵׁר, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ פִירֶער אוּן מַנְהִיג אִיבֶּער זֵיי אוּן אִיבֶּער אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס ווִילְן דִינֶען ה' יִתְבָּרַךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע מַכְנִיעַ גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים אוּן אָנְגֶענוּמֶען וָואס עֶר בַּאפֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט דִי תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי וָועלְכֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין מְקוּרָב

צוּם צַדִּיק הָאֱמֶת, כָאטְשׁ זֵיי בַּאדִינֶען לַאנְגֶע יָארְן דֶעם צַדִּיק אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִינֶעם צַדִּיק אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס דֶער צַדִּיק רֶעדְט, מִיט דֶעם אַלֶעם אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם צַדִּיק אוּן אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים, אוּן טוּן וָואס זֵיי קֶענֶען אִים צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין אוּן בַּאדִינֶען וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין מִיט דִי צַייט צוּבִּיסְלֶעךְ פַארְשְׁטֵיין אִין יֶעדֶע זַאךְ אִין זֵייעֶר לֶעבְּן וָואס דֶער צַדִּיק הָאט גֶעמֵיינְט זֵיי צוּ מְרַמֵּז זַיין, יֶעדֶע דִּבּוּר אוּן דִּבּוּר וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט יָארְן צוּרִיק וֶועט זֵיי שְׁפֶּעטֶער זַיין פַאר אַ גְרוֹיסֶע הִילְף, נָאר מֶען דַארְף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין יֶעדְן דִּבּוּר פוּן צַדִּיק אַז זִיכֶער קֶען עֶס הֶעלְפְן אוֹיךְ פַאר מִיר אוּן צוּלֵייגְן הַארְץ צוּ יֶעדְן דִּבּוּר וָואס דֶער צַדִּיק רֶעדְט צוּ מִיר.

(חיי מוהר"ן תקמד)




**חודש שבט איז די געבורטסטאג פון ר' נתן. לאמיר זען וויפיל שאלות קענסטו ענטפערן קוק אין 'ימי מוהרנ"ת (רוב התשובות חלק א' עד אות י')**

- **וועלכע טאג אין חודש איז ר' נתן געבוירן?**
- **וויאזוי האט געהייסן ר' נתנ'ס זון וואס איז נפטר געווארן?**
- **וועלכע יאר, חודש, איז ר' יצחק דער זון פון ר' נתן געבוירן געווארן?**
- **וועלכע יאר איז ר' נתן געווארן א חתן?**
- **וועלכע יאר איז ר' נתן געווארן מקורב צום רבי'ן און ווי אלט איז ער געווען דאן?**
- **ווען האט דער רבי געזאגט פאר ר' נתן: "דיין שיך האט א פנים ווי א פאטש אין פנים"?**
- **ביי וועלכע קינד פון רבי'ן האט דער רבי מכבד געווען ר' נתן מיט מצות פריעה ביי די ברית?**
- **ווען פלעגט ר' נתן מיט אונזערע לייט זאגן פארן רבי'ן: "וואויל זענען דיינע קנעכט און וואויל זענען דיינע מענטשן וועלכע שטייען פאר דיר און הערן דיינע הכמות".**
- **וועלכע טאג האט דער רבי געטרייסט און דערפרייט און גאר גאר מחזק געווען ר' נתנ'ען מיט זיינע הייליגע רייד, געשמאקע ב'טעמ'טע זיסע, האניגדיגע רייד?**
- **וועלכע טאג האט דער רבי מגלה געווען דעם סוד פון זאגן צען קאפיטלעך תהילים?**




המשך פון די לעצטע זייט

דָאס שֶׁעפְּסְל איז ווייט פַארְקְרָאכְן צְווישְׁן די בֶּערְג, און עֶפֶּעס אוּמְגְלוֹיבְּלִיךְ הָאט פְּלוּצְלִינְג פַּאסִירְט! נָאךְ עֶטְלִיכֶע אוּמְרוּאִיגֶע שָׁעוֹת איז גֶעזֶען גֶעוָוארְן דָאס שֶׁעפֶּעלֶע זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דֶער סְטַאדֶע פוּן גַאנְץ אַן אַנְדֶערֶע ווינְקְל, זֶעט אוֹיס אַז נָאכְן אַזוֹיפִיל וַואנְדֶערְן איז זִי גָאר צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג. פִּישְׁל לוֹיפְט מִיט אַייפֶער און שִׂמְחָה איר אָפְּצוּנֶעמֶען. ס'הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דַוְקָא די דֶערְוַוייטֶערוּנְג הָאט איר אַזוֹי ווָאוּנְדֶערְלִיךְ צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט.

דער הייליגער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם מָשָׁל, צוּמָאל איז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן לַיידֶער פוּן גְלֵייכְן עֶרְלִיכְן וֶועג. עֶר בְּלַאנְדְזְשֶׁעט און פַאלְט נֶעבֶער אַדוּרְךְ. ס'אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק אויב אַזַא אֵיינֶער וֶועט גְלַייךְ כַאפְּן און זִיךְ נֶעמֶען אין די הֶענְט און תְּשׁוּבָה טוּן און בֶּעטְן מְחִילָה פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אָדֶער וֶועט עֶר אִיגְנָארִירְן און וַוייטֶער פַאלְן אין קְרוּמֶע וֶועג און זִיךְ דֶערְקַייקְלֶען גָאר טִיף אין דֶער גְרוּנְד. ווייל אַז מֶען פַארְקְרִיכְט נִישְׁט ווייט פוּן גְלֵייכְן וֶועג, קֶען מֶען נָאךְ גָאר גְרִינְג זִיךְ אוּמְקֶערְן, ווייל מֶען דֶערְקֶענְט נָאךְ דֶעם פַייף, דֶער קוֹל פון די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דֶערְהֶערְט נָאךְ דָאס קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶּער. און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ צוּ רוּפְן און דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט רְמָזִים, סִיגְנַאלְן, אַמָאל רוּפְט עֶר מַמָּשׁ מִיט אַ רוּף, צוּמָאל כַאפְּט דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁטוֹיס, אַ קְלַאפּ עֶר זָאל כַאפְּן אַז מֶען דֶערְמַאנְט אִים פוּן אוֹיבְן זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן. ווערן אֵיינֶער וֶוערְט אָבֶער זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט, עֶר טוּט אָפּ מֶערֶערֶע עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, וֶוערְן פַארְמֶערְט זַיינֶע פַארְקְרָאכֶענֶע וֶועגְן, שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען און מֶער פַארְצְווַייגְטֶע שְׁמָאלֶע וֶועגְן בִּיז עֶר וֶוערְט אַזוֹי פַארְלוֹירְן צְווישְׁן די דֶערְנֶער אַז ס'אִיז גָאר שְׁוֶוער צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. און דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אַז אֲפִילוּ דַאן זָאל אַ אִיד זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין ווייל אֲפִילוּ וֶוען עֶר איז שׁוֹין אַזוֹי ווייט פַארְקְרָאכְן קֶען אַמָאל גֶעשֶׁען אַז פוּן דָארְט וֶועט עֶר גֶעפִינֶען אַ נַייעֶ וֶועג דוּרְךְ דֶעם צְווייטְן זַייט און זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ תְּשׁוּבָה.

לָאמִיר צוּלֵייגְן הַארְץ זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בַּאשֶׁעפֶּער און הֶערְן זַיין רוּף וָואס עֶר רוּפְט אוּנְז, און נִישְׁט וַוארְטְן און זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם דֶערְוַוייטֶערְן. (ליקו"מ ר"ו)



# לעבודא ולמעשה

ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז״ל הָאט דֶערְצֵיילְט דִי פָאלְגֶנְדֶע: ר׳ נַחְמָן גָאלְדְשְׁטֵיין דֶער "טְשֶׁערִינֶער רָב," - דֶער בַּאוואוּסְטֶער גָּאוֹן עוֹלָם וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַסאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים, ווִי 'פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה', 'אוֹצַר הַיִּרְאָה', 'יְקָרָא דְשַׁבַּתָּא', "זִמְרַת הָאָרֶץ' אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ סְפָרִים.

"דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן. יֶענֶע צֵייטְן אִיז דֶער צִיוּן גֶעוֶוען אַלְעמָאל פַארְשְׁלָאסְן, דִי שְׁלִיסְל אִיז גֶעלֶעגְן בַּיי ר׳ נַחְמָן (חַזָּן) טוּלְטְשִׁינֶער אִין שְׁטוּב. אַז מֶען הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּם צִיוּן פְלֶעגְט מֶען גֵיין צוּ ר׳ נַחְמָן נֶעמֶען דֶעם שְׁלִיסְל.

דָאסְמָאל וֶוען דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן, אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעקוּמֶען ר׳ אַבְרָהָם חַזָּן דֶער זוּן פוּן ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער (מֶען רוּפְט אִים ר׳ אַבְרָהָם בֶּן ר׳ נַחְמָן) - אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּזַאמֶען אוֹיפְן צִיוּן, אַלְס כָּבוֹד פַאר טְשֶׁערִינֶער רָב.

ר׳ אַבְרָהָם זֶעט ווִי דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז אַרַיין אוֹיפְ'ן צִיוּן אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן צוּגֶעלֵייגְט צוּ דִי אוֹיגְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין אֵיין וָוארְט פוּן אִים. נָאךְ אַפָּאר מִינוּט כַאפְּט ר׳ אַבְרָהָם אַ בְּלִיק אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רָב אוּן בַּאמֶערְקְט ווִי "רִיטְשְׁקֶעס [טֵייכְן] טְרֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן דֶער זַייט אוּן פוּן דֶער זַייט, גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט!" שָׁעוֹת הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן אִים טְרֶערְן.

דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב הָאלְט נָאךְ דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זָאגְט אוּן זָאגְט. אַזַא אִיד אַזַא צַדִּיק, אַזַא לַמְדָן. זָאל אַזוֹי לַאנְג זָאגְן אוּן וֵויינֶען, אוֹיף וָואס וֵויינְט עֶר?! מִיר וֵוייסְן דָאךְ זֵייעֶר קְלָאר אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אַ גֶעוָואלְדִיגֶער צַדִּיק, עֶר אִיז שׁוֹין אַן עֶלְטֶערֶע אִיד, אוּן נָאכְאַנְץ הָאלְט עֶר דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן עֶס גִיסְט רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן?! פוּן וַואנֶעט נֶעמְט זִיךְ דָאס? נָאר וִויבַאלְד עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹי נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקֵייט - ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֶעסֶער, אִיז זַיין בּוּשָׁה אוֹיךְ גְרֶעסֶער - עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מֶער פַארְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.



דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב וֶוען אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן מִיד, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ פַאטְשֵׁיילֶע [טַאשׁ-טִיכְל], אוּן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אַזוֹי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת, קַיין בֶּענְקֶעלֶעך אִיז דַאן נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ גֶעפִינֶען אוֹיפְן צִיוּן אַלְס כָּבוֹד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט.

טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן טְשֶׁערִינֶער רָב? אַזוֹי ווִי מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִים, לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ נֶעמֶען אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן צוּלֵייגְן אַבִּיסְל הַארְץ, ווִיפִיל מֶעגְלִיךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אוּן פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ז | א | ל | נ | מ | ה | א | ר | צ | נ | פ | ת | ע |
| כ | ל | ח | כ | י | ב | צ | ד | ס | ר | ו | א | נ | ע |
| ג | ש | מ | נ | י | פ | ע | י | ס | ה | פ | ו | נ | פ |
| ב | ד | ק | ל | ז | ע | י | ג | ע | ה | א | י | ר | ו |
| ת | א | ת | י | ק | ו | נ | ו | צ | נ | י | ב | ר | נ |
| ו | מ | ש | ט | ס | ל | פ | י | ו | ר | א | ו | נ | ט |
| ב | ק | ש | ע | י | ו | פ | א | ת | ש | ס | ר | כ | ד |
| ש | ז | ו | נ | פ | י | כ | י | ל | ג | ע | מ | א | ק |
| ח | א | ב | ע | י | ע | ק | ר | א | ג | ו | ר | ו | א |
| מ | ל | ב | מ | ד | ס | ר | כ | מ | ח | נ | צ | ו | א |
| מ | י | י | ע | פ | ר | ו | ב | י | ר | נ | ו | ס | כ |
| צ | ב | מ | נ | נ | ה | כ | ד | ר | ל | ז | ל | ז | ע |
| ו | ש | ת | י | ע | ק | כ | ב | י | נ | י | י | ס | צ |
| ו | א | ל | ו | ר | מ | ל | ל | ו | צ | ע | י | ת | י |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן
אזוי אויך טרעף די ווערטער אינעם היינטיגן גליון אין איינע פון די מעשיות

**בַּיי דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבְבִים לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ נֶעמֶען אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן צוֹלֵייגְן אַבִּיסְל הַארְץ, וִויפִיל מֶעגְלִיךְ, בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זָאל אוּנְז גֶעבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, פְרֵיילִיכְקַייט מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אוּן פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין.**

דֶעם ׳זֶעקְסְטְן־טָאג׳, זֶענֶען זַיי אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶועזְן – אוּן זַיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעבֶּענְקְט: "וִוי נֶעמְט מֶען דָא, דֶעם דָאזִיגְן וָואס ׳אָן־הֶענְט׳".

דֶערְוַוייל, קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה" – אוּן עֶר הָאט זַיי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט אַזוֹי־וִוי יֶענֶע – אוּן אִיז זַיי אַרוּמְגֶעפַאלְן, אוּן הָאט זַיי גֶעקוּשְׁט.

אוּן הָאט צוּ זַיי גֶעזָאגְט: "אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ ׳קַאלִיקֶע׳ אוֹיף דִי ׳הֶענְט׳, אִיךְ בִּין גָאר קַיין ׳קַאלִיקֶע׳ נִישְׁט אוֹיף דִי ׳הֶענְט׳, אִיךְ הָאבּ יָא ׳כֹּחַ אִין דִי הֶענְט׳ – נָאר אִיךְ נוּץ נִישְׁט מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן מַיינֶע ׳הֶענְט׳, אִין דֶער וֶועלְט, וָוארְן אִיךְ בַּאדַארְף דֶעם כֹּחַ אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערוֹיף אַ ׳הַסְכָּמָה׳, פוּן דֶעם ׳וַואסֶער׳יגְן־שְׁלָאס׳".

וָוארְן אַמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזֶעצְן אִינְאֵיינֶעם עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן – הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶער בַּארִימְט, מִיט זַיין כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט.

דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט".

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט".

אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "מִיט זַיין גְבוּרָה וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט".

(דְהַיְינוּ): אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אוּן אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט, אַז עֶר שִׁיסְט אוֹיס אַ פַייל, קֶען עֶר זִי וִוידֶער צוּרִיקְצִיעֶן – וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹי אַ ׳כֹּחַ אִין זַיינֶע הֶענְט׳, אַז כָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעשָׁאסְן דִי פַייל, קֶען עֶר זִי פָארְט נָאךְ אוּמְקֶערְן, עֶר קֶען דִי פַייל צוּרִיקְצִיעֶן וִוידֶער צוּ זִיךְ".

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ דֶער וָואס ׳אָן־הֶענְט׳, וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס): "וָואסְפַארַא פַייל קֶענְסְטוּ צוּרִיקְצִיעֶן?

וָוארְן ס׳אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדְן ׳צֶען עֶרְלֵיי פַייל׳, וָוארְן ס׳אִיז פַארְהַאנְדְן ׳צֶען עֶרְלֵיי סַמִין׳ – וָוארְן אַז מְ׳וִויל שִׁיסְן אַ ׳פַייל׳, בַּאשְׁמִירְט מֶען זִי מִיט אַ ׳סַם׳.

אִיז פַארְהַאנְדְן ׳צֶען עֶרְלֵיי סַמִין׳ – וָואס אַז מֶען מְ׳בַּאשְׁמִירְט דִי ׳פַייל׳ מִיט דֶעם ׳סַם׳, אִיז דִי ׳פַייל׳ אַזוֹי מַזִיק – אוּן אַז מְ׳בַּאשְׁמִירְט דִי ׳פַייל׳ מִיט אַ אַנְדֶער ׳סַם׳, אִיז זִי מֶער מַזִיק.

אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן ׳צֶען עֶרְלֵיי סַמִין׳ – וָואס אִיטְלֶעכֶער ׳סַם׳ אִיז עֶרְגֶער, דְהַיְינוּ: עֶר אִיז מֶער מַזִיק.

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַארַא מִין ׳פַיילְן׳ קֶענְסְטוּ צוּרִיקְצִיעֶן"?

וִוידֶער הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "צוּ אֵיידֶער דִי ׳פַייל׳ הָאט יֶענֶעם גֶעטְרָאפְן, קֶען עֶר זִי צוּרִיקְצִיעֶן – צוּ אֲפִילוּ נָאכְדֶעם אַז דִי ׳פַייל׳ הָאט שׁוֹין יֶענֶעם גֶעטְרָאפְן, קֶען עֶר זִי אוֹיךְ צוּרִיקְצִיעֶן"? – אוּן דֶערוֹיף הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז אֲפִילוּ דִי ׳פַייל׳ טְרֶעפְט שׁוֹין יֶענֶעם, קֶען אִיךְ זִי אוֹיךְ צוּרִיקְצִיעֶן".

לוּשְׁמִיר [נָאר] אַ וָואסַארַא [וָואסְפַארַא] מִין ׳פַיילְן׳, קֶענְסְטוּ צוּרִיקְצִיעֶן? – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֶט דָאס אוּן דָאס מִין, קֶען אִיךְ צוּרִיקְצִיעֶן".

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס 'אָן־הֶענְט' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ אִים: "קֶענְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי 'בַּת־מַלְכָּה' – אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט צוּרִיקְצִיעֶן, נָאר אֵיין עֶרְלֵיי 'פַיילְן', קֶענְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי 'בַּת־מַלְכָּה'".

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַזוֹי אַ 'כֹּחַ אִין דִי הֶענְט', אַז בַּיי וֶועמֶען עֶר נֶעמְט, גִיבְּט עֶר" – (כְּלוֹמַר: מִיט דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט בַּיי אֵיינֶעם עֶפֶּעס, דֶערְמִיט אַלֵיין גִיבְּט עֶר יֶענֶעם) – מֵילָא אִיז עֶר אַ בַּעַל צְדָקָה".

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַאר‌אַ צְדָקָה גֶעבְּסְטוּ"? – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר גִיבְּט מַעֲשֵׂר".

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַז סְ'אִיז אַזוֹי, קֶענְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי 'בַּת־מַלְכָּה' – וָוארְן דִי קֶענְסְט גָאר צוּ אִיר אָרְט נִישְׁט קוּמֶען (וַוייל דוּ גֶעבְּסְט נָאר 'מַעֲשֵׂר') – וָוארְן דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, נָאר אִין אֵיין 'מוֹיעֶר' (דָארְט ווּי דִי 'בַּת־מַלְכָּה' זִיצְט), אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] קֶענְסְטוּ צוּ אִיר נִישְׁט קוּמֶען".

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַזוֹי אַ 'כֹּחַ אִין דִי הֶענְט' – וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן 'מְמוּנִים' אוֹיף דֶער וֶועלְט (דְהַיְינוּ: מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען 'עֶלְטְסְטֶע', וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ שַׁאפְן אִיבֶּער אַ שְׁטָאט, אָדֶער אִיבֶּער אַ מְדִינָה וְכוּ') – בַּאדַארְף אִיטְלֶעכֶער חָכְמָה – הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אַ 'כֹּחַ אִין דִי הֶענְט', אַז מִיט מַיינֶע 'הֶענְט', קֶען אִיךְ אִים גֶעבְּן 'חָכְמָה' – מִיט דֶעם וָואס אִיךְ לֶעהְן אִים אָן [אָנְלַאנֶען] מִיט מַיינֶע 'הֶענְט'".

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַאר‌אַ 'חָכְמָה' קֶענְסְטוּ גֶעבְּן מִיט דַיינֶע הֶענְט – סְ'אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדְן 'עֲשָׂרָה קַבִּין חָכְמָה'? (כְּלוֹמַר: צֶען עֶרְלֵיי חָכְמוֹת) – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי אוּן דִי 'חָכְמָה', קֶען עֶר גֶעבְּן".

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "קֶענְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי 'בַּת־מַלְכָּה' – וָוארְן דוּ קֶענְסְט גָאר אִיר 'דֶפֶק' [בְּלַעַ"ז: פָּאלְס] נִישְׁט ווִיסְן – וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן 'צֶען עֶרְלֵיי דְפִיקִין' – אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט ווִיסְן, נָאר 'אֵיין דֶפֶק' – וַוייל דוּ קֶענְסְט נָאר 'אֵיין חָכְמָה' גֶעבְּן מִיט דַיינֶע הֶענְט".

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַזוֹי אַ 'כֹּחַ אִין דִי הֶענְט', אַז סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'רוּחַ־סְעָרָה' (דְהַיְינוּ: אַ 'שְׁטוּרֶעם־ווִינְט'), קֶען עֶר דֶעם 'שְׁטוּרֶעם־ווִינְט' פַארְהַאלְטְן מִיט דִי 'הֶענְט' – עֶר קֶען אָנְכַאפְּן מִיט דִי 'הֶענְט' דֶעם 'שְׁטוּרֶעם־ווִינְט', אוּן זָאל אִים פַארְהַאלְטְן – אוּן קֶען ווִידֶער מִיט דִי 'הֶענְט', מַאכְן דֶעם 'ווִינְט' מִיט אַ 'מָאס', אַז סְ'זָאל זַיין אַזוֹי אַ 'ווִינְט' ווִי מְ'בַּאדַארְף, אִין דֶער 'מָאס'".

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַאר‌אַ 'ווִינְט', קֶענְסְטוּ אָנְכַאפְּן מִיט דִי 'הֶענְט' – סְ'אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדְן 'צֶען עֶרְלֵיי ווִינְטְן'"? – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶעם אוּן דֶעם 'ווִינְט'".

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "קֶענְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי 'בַּת־מַלְכָּה', וָוארְן דוּ קֶענְסְט גָאר דֶעם 'נִיגּוּן' פַאר אִיר נִישְׁט שְׁפִּילְן – וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן 'צֶען עֶרְלֵיי נִיגוּנִים' – אוּן אִיר 'רְפוּאָה' פוּן דֶער 'בַּת־מַלְכָּה', אִיז דוּרְךְ נִיגוּנִים – אוּן דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט שְׁפִּילְן פַאר אִיר, נָאר 'אֵיין נִיגּוּן'".

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וָואס קֶענְסְטוּ"? – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען, וָואס אִיר אַלֶע קֶענְט נִישְׁט – דְהַיְינוּ: אַלֶע נַיין חֲלָקִים פוּן אִיטְלֶעכֶער זַאךְ, וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט – וָואס אִיר קֶענְט זֵיי נִישְׁט, קֶען אִיךְ יָא".

pe: ______________

# לאמיר זיך פאר הערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (13)

**א.** **פארוואס זעהט אויס אז דער בעטלער האט נישט קיין הענט?**
- ☐ ווייל ער האט באמת נישט קיין הענט
- ☐ ווייל ער האט צובראכענע הענט
- ☐ ווייל ער ניצט נישט מיט זיינע הענט אין ׳דער וועלט״

**ב.** **מיט וואס האט זיך דער ערשטער בארימט?**
- ☐ אז ער קען צוריק ציען א פייל
- ☐ אז ביי וועמען ער נעמט גיבט ער
- ☐ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ג.** **מיט וואס האט זיך דער צווייטער בארימט?**
- ☐ אז ער קען צוריק ציען א פייל
- ☐ אז ביי וועמען ער נעמט גיבט ער
- ☐ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ד.** **מיט וואס האט זיך דער דריטער בארימט?**
- ☐ אז ער קען צוריק ציען א פייל
- ☐ אז ביי וועמען ער נעמט גיבט ער
- ☐ אז ער קען מיט זיינע הענט גיבן חכמה

**ה.** **וואס קען טוהן דער וואס קען צוריק ציען א פייל?**
- ☐ ער קען צוריק ציען אלע צעהן פיילן אפי׳ נאכדעם וואס ס׳טרעפט אהן א מענטש
- ☐ ער קען צוריק ציען איין מין פייל אפי׳ נאכדעם וואס ס׳טרעפט אהן א מענטש
- ☐ ער קען צוריק ציען איין מין פייל נאר פאר ווען ס׳טרעפט אהן א מענטש

**ו.** **דער וואס האט זיך בארימט אז ווען ער נעמט גיבט ער, וואס גיבט ער?**
- ☐ מעשר
- ☐ חומש
- ☐ צען מיני צדקה

**ז.** **וויפיל מיני ווינטן קען צוריק האלטן דער וואס האט זיך בארימט אז ער קען צוריק האלטן א ווינט?**
- ☐ איין מין ווינט
- ☐ זיבן מיני ווינטן
- ☐ צעהן מיני ווינטן

**ח.** **קענען די אלע, היילן די בת מלכה?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ נאר דער וואס קען אפהאלטן א ווינט

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

**ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער אן קיין הענט?** (עיין ימי מוהרנ״ת)

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

### וויפל מאל דערציילט דער רבי אין ספורי מעשיות וועגן א בוים? 14 מאל

במעשה א׳
אוף דֶעם בוים הָאבְּן גְיוַואקְסֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֶפִּיל
און הָאט גִיטְרָאגְן אֵיין גְרוֹיסֶען בוים

במעשה ב׳
און בַּאנַאכְט פְלֶעגְט זִי אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בוים
הָאט זִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרוֹיף גִירִיסְין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בוים

במעשה ג׳
זֵיי זָאלִין אָן טְרֶינְקֶען בֵּיימֶער

דֶער בוים הָאט אַסַאךְ צְוַוייגִין און פֵּירוֹת און בְּלֶעטְלִיךְ
הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין הוֹיכְן בוים
עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אַ בוים. וָואס אַז מִזָאל דֶעם בוים אָן טְרֶענְקִין

במעשה ט׳
און הָאט דָארְט אוֹיס גִיקְרִיצְט אַ בוים

במעשה י׳
הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ סִימָן אִין אַ בוים

במעשה י״א
אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַ בוים

במעשה י״ב
און דָארְט אִיז גִיוֶוען אַ טַייכִיל און בֵּיימֶער, און פֵּירוֹת

במעשה י״ג - ביום החמישי
אַ בוים. וָואס אִין זַיין סָאטִין זָאלִין רוּעֶן אַלֶע חַיוֹת

במעשה י״ג - ביום השישי
און אַזוֹי דֶער גָארְטִין מִיט דִי בֵּיימֶער מִיט דִי פֵּירוֹת

### וויפל מאל ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות דער ווארט ״בוים״? 110 מאל

**וועלכע זאך וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה, ווערט אויך דערמאנט אין די פרשה (וארא)? און דָארְט אִיז קֵיין שוּם הֶיזֵק נִיט פַארְהַאנְדִין פוּן קֵיין שוּם חַיָה** (מכת ערוב)

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040

# דעם רבינ'ס משלים



## שעפעלע, שעפעלע

פִּישְׁל דֶער פַּאסְטֶעך מִיטְן קַאסְקֶעטְל אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ קָאפּ גֵייט יֶעדְן טָאג אַרוֹיס אִין דִי פֶעלְדֶער בַּײגְלֵייט דוּרְךְ זַיינֶע סְטַאדֶע שֶׁעף, צוּ פַּאשְׁן אוֹיף דִי הוֹיכֶע בֶּערְג צוּם שַׁיין פוּן דֶער זוּן. דִי שָׁאף דְרַייעֶן זִיךְ דָארְט צְוִוישְׁן דִי פֶעלְזְן שְׁטֵיינֶער אוּן גְרָאז אוּן עֶסְן צוּ דֶער זֶעט.

פִּישְׁל זִיצְט אוֹיף אַ שְׁטֵיין וֶוען עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ אוּנְטֶער אַ נְשָׁמָה לִידְל אוֹיף זַיין פַייפֶערְל. מִיט זַיינֶע שַׁארְפֶע אוֹיגְן הַאלְט עֶר חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן שֶׁעפְּסְל זִי זָאלְן גֵיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן, קֵיינֶער פוּן זֵיי זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגְלִיטְשְׁן אָדֶער פַאלְן, עֶסְן פוּן פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער אָדֶער זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן.

פְּלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְקְט פִּישְׁל וִוי אֵיין שֶׁעפֶּעלֶע דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ. וִוי אַ מִינוּט לֶענְגֶער אִיז זִי פַארְקְרָאכְן גֶעוָוארְן וַוייט וַוייט צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אֵיינֶע אַלֵיין. עֶר פֵייפְט מִיטְן פֵייפֶער אַ טִיפְן פַּייפ אִיר צוּ רוּפְן אוּן אוּן דֶערְמַאנֶען צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּ דִי סְטַאדֶע. אָבֶּער דִי שֶׁעפֶּעלֶע וֶוערְט נָאכְמֶער דֶערְוַוייטֶערְט. פִּישְׁל הֵייבְּט זִיךְ גֶעשְׁוִוינְד אוֹיף, עֶר לוֹיפְט צוּם רִיכְטוּנְג פוּנֶעם שָׁאף אוּן פֵייפְט נָאךְ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דִי שֶׁעפֶּעלֶע נֶעמְט נִישְׁט אִין אַכְט אַז דִי קוֹלוֹת זֶענֶען גֶעוָואנְדְן צוּ אִיר. זִי גֵייט זִיךְ וַוייטֶער אִיר וֶועג צוּ לוֹיפְן אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן.



אוֹי! טְרַאכְט זִיךְ פִּישְׁל צוּ זִיךְ, אַזַא שָׁאד, זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט מַיינֶע סִיגְנַאלְן זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן אוּן גֵיין אוֹיפְ'ן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג. זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט מַיינֶע רְמָזִים זִי זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן פוּנֶעם קְרוּמֶען וֶועג וִוי זִי אִיז פַארְקְרָאכְן.

דִי שֶׁעפְּסְל פַארְקְרִיכְט צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג בִּיז פִּישְׁל זֶעט אַז זִי אִיז שוֹין גָאר דֶערְוַוייטֶערְט. פִּישְׁל זֶעצְט זִיךְ וִוידֶער אוֹיף זַיין בַּאשְׁטִימְטְן שְׁטֵיין צְוִוישְׁן אַלֶע שָׁאף אוּן טְרַאכְט מִיט וֵוייטָאג: אַ שָׁאד אַ שָׁאד אַז דִי שֶׁעפֶּעלֶע פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט מַיין רוּף, יֶעצְט אִיז זִי אַזוֹי אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט. וֶוער וֶועט אִיר דָא צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אוּנְזֶער סְטַאדֶע? וֶוער וֶועט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז ווִילְדֶע וֶועלְף זָאלְן אִיר נִישְׁט פַארְצִיקְן? נֶעבֶּעך נֶעבֶּעך.

המשך אויף זייט 6

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' נתן מרדכי גערטנער הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' אשר זעליג חנון הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר בעריש סאנדער הי"ו
לרגל אריסי בתו למזל טוב